## שיחת

# מוסר והדרכה

שנאמרו ע״י

**כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א**

**להתלמידות המסיימות לימודם בבתי חינוך**

בעיר וויליאמסבורג

יום ב׳ פרשת במדבר שנת תשע״ז לפ״ק

באולם אימפעריאל

יוצא לאור ע״י

**מכון מעדני מלך וויען**

נתנדב לעילוי נשמת

כ"ק הגה"צ רבי **יהושע** בן הגה"צ רבי **אשר אנשיל** זצוק"ל

**אבד"ק סאמבאטהעלי**

נסתלק יום ה' סיון – ערב שבועות תשמ"ה לפ"ק

**זכותו הגדול יגן עליו ועל כל ישראל**

---

נתנדב לעילוי נשמת

הרה"ק רבי **חיים זאנוויל** ב"ר **משה** זצוק"ל

**האדמו"ר מריבניץ**

**זכותו הגדול יגן עליו ועל כל ישראל**

---

לעילוי נשמת האשה החשובה

מרת **מרים** ב"ר **שלמה זלמן** ע"ה

נפטרה י"א אדר תשע"ו לפ"ק

**ת.נ.צ.ב.ה.**

---

להשיג אצל

מכון מעדני מלך וויען

185 Wilson St.

Brooklyn N.Y. 11211

718.388.1751.#117

# שיחת מוסר והדרכה

**שנאמרו ע"י כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

**להתלמידות המסיימות לימודם בבתי חינוך**

בעיר וויליאמסבורג

*יום ב' פרשת במדבר תשע"ז לפ"ק*

**ס'איז** פאר מיר א גרויסער זכות מקדם צו זיין בברכה די אלע משתתפים וואס זענען זיך צוזאמגעקומען היינט נאכט. כשר'ע אידישע טעכטער, וואס זענען אלע יארן געזעסן אין די בתי חינוך דא אין שטאט. אין די שענסטע בתי חינוך האבן זיי באקומען זייער חינוך. זענען זיך צוזאמגעקומען יעצט ווען מען האלט ביים ענדיגן די לימודים צוזאמען מיט זייערע מאמעס, מקבל זיין חיזוק און הדרכה וואס ס'איז נוגע פארן עתיד ווען מ'גייט ארויס פון א בית חינוך.

**אשריכם** ומה טוב חלקיכם, גליקלעך זענט עטץ וואס איר האט זוכה געווען צו פארברענגען די יונגע יארן, די שענסטע יארן פון לעבן, אין א לופט פון קדושה וטהרה, נתחנך צו ווערן בדרכי התורה און צו די מצוות פון די תורה, צו פארשטיין די געוואלדיגע מעלה פון א 'בת ישראל' וואס איר פליכט איז אויפצושטעלן שפעטער א בית נאמן בישראל, צוצוגרייטן דעם קומענדיגן דור. אז מען האט דעם זכות צו ערצויגן ווערן אין א ערליכן בית חינוך, וואס דאס לאזט איבער אויף א קינד א רושם אויף אלע יארן שפעטער.

**כל** מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו, וואס דער רבוש"ע האט באשאפן אין די וועלט, האט א מטרה, עס האט א ציל, צוצוקומען צו וואס עס דארף צוקומען, עס זאל ארויסקומען דערפון א כבוד שמים. יעדער מענטש וואס האט א ציל אין זיין לעבן, ווייסט, אז זיין גאנצער קאפ איז ארייגעלייגט נאר וויאזוי ער זאל צוקומען אז דער ציל זאל האבן אן הצלחה.

**אזוי** איז ביי אונז, דער אייבערשטער האט אונז באשאפן עס זאל ארויסקומען פון אונז א כבוד שמים, און אויף דעם דארף מען לייגן די גאנצע מחשבה און דעם דעת, אז מיר זאלן קענען אויספירן דעם שליחות ווי עס דארף צו זיין.

## המטרה של בת ישראל - 'עקרת הבית'

**דער** ציל פון א אידישע טאכטער איז, אויסצואוואקסן און ווערן א אידישע מאמע! א אידישע מאמע איז די 'עקרת' הבית. זי איז די עיקר פונעם שטוב. זי היט אויף די קדושה, אויף די יראת שמים, אויף די ווארימקייט צו עבודת השם, וואס דארף זיין ביי איר מאן און ביי אירע קינדער. דער זכות איז גאר א גרויסער זכות.

**שטייט** אין די גמרא (ברכות יז.), גדולה הבטחה שהבטיחן הקב"ה לנשים יותר מן האנשים, די הבטחה וואס דער רבוש"ע האט צוגעזאגט לעתיד לבוא פאר נשים, איז א גרעסערע הבטחה ווי ער האט צוגעזאגט פאר די מענער. זאגט די גמרא, רב האט געפרעגט רבי חייא, נשים במאי זכיין, מיט וואס זענען זיי זוכה צו חיי העולם הבא. האט ער געענטפערט, מיט דעם וואס זיי זענען זיך מטריח צו ברענגען די קינדער צו לערנען תורה, זיי טוען צוהעלפן פאר די מענער זיי זאלן לערנען, זיי שיקן די מענער אין בית המדרש לערנען, זיי ווארטן אפ אין שטוב ביז זיי קומען אהיים, אין דעם זכות זענען זיי זוכה שפעטער צו חיי העולם הבא. זעהט מען אז זייער זכות פון עולם הבא, איז דער עיקר וואס זי טוט צוגרייטן א שטוב פון תורה.

## גן נעול אחותי כלה

**שלמה** המלך זאגט אין שיר השירים, גן נעול אחותי כלה (ד-יב), א אידישע טאכטער איז א גן נעול, א גארטן וואס איז פארשפארט. קען זיין לעניננו איז דער פשט, יעדער פון ענק איז געווען ביז יעצט אין א גן, אין א גארטן פון בשמים, פון רויזן און בלומען וואס געבן ארויס א גוטן ריח, א גארטן פון ריח של תורה וקדושה האט ענק ארומגענומען. יעדע איינע וואס איז געווען אין א בית חינוך האט מקבל געווען און קולט געווען אין זיך, ארייגענומען אין

זיך, פון דעם גוטן ריח וואס איז דא פון תורה. איינער אסאך און איינער נאך מער. אבער יעדער גייט ארויס מיט א גוטן ריח פון דארטן. אזוי שטייט אין חז״ל, אז מ׳קומט אריין אין א פלאץ ווי ס׳איז דא א ריח של בשמים, איז ווען מ׳גייט ארויס אפילו מ׳האט גארנישט גענומען פון דארטן, דעסטוועגן דאך איז מען ארויסגעגאנגען מיט א גוטן ריח.

**דער** בית חינוך איז א גן, עס איז א גארטן, עס איז א הייליגער גארטן, עס איז א גן נעול, א פארשפארטער גארטן, עס איז צוגעשפארט אז די השפעה פון די גאס טרעט נישט אהין אריין. דער גארטן האט ענק מדריך געווען צו א לעבן פון תורה, דרכיה דרכי נועם, צו די שיינע זיסע וועגן וואס תורה האט אין זיך. און דער תכלית פון דעם וואס מ׳האט זיך אויפגעהאלטן אין דעם גן פון בשמים, איז כדי אז ווען מ׳וועט ארויסגיין פון דארטן, זאל מען וויסן וויאזוי מ׳דארף זיך צו פירן.

**ביז** יעצט זענען מיר געווען גן נעול אחותי כלה, מ׳איז געווען פארשפארט אפגעזונדערט פון די וועלט, אין א גן פון בשמים. יעצט עפענט זיך די טיר, עס עפענט זיך דער שלאס, מ׳גייט ארויס פון דעם גן, יעדע איינע גייט זיך שטעלן יעצט אויף די אייגענע פיס, און מ׳דארף ארבעטן וויאזוי מ׳זאל קענען אויספירן וואס מ׳האט אונז מדריך געווען ביז יעצט.

**אוודאי** איז זייער חשוב, די וואס קען טרעפן איר פלאץ - פון יעצט און ווייטער - אז זי זאל ווייטער בלייבן א מחנכת, א לערערין, א מדרכת, אין א אטמאספער פון תורה. אשרי חלקה, גליקליך איז זי אז זי האט זוכה געווען אז זי קען ווייטער אנהאלטן צו בלייבן אין די לופט. אבער נישט יעדע איינע איז זוכה אז מ׳קען דאס אנהאלטן. אסאך דארפן יעצט ארויסגיין צו א נייע וועלט. א וועלט פון פריצות און הפקירות. א וועלט וואס איז מגושם. עם הדומה לחמור, צווישן אומות העולם וואס איז נישטא קיין דיפערענץ צווישן זייער לעבן און דאס לעבן פון א בהמה. צו אזא וועלט דארף מען ארויסגיין! — און מען דארף מקיים זיין ׳ויגבה לבו בדרכי השם׳, האבן א אידישע שטאלץ אין זיך, און

שטענדיג גיין מיט דעם שטאלץ אז מ'איז א 'בת מלך'! א טאכטער פונעם רבוש"ע. מיר האבן א ציל אין אונזער לעבן, וואס מיר ווילן צוקומען צו חיי העולם הבא. און נישט פאלן פון די מדריגה און זיך נאכלאזן, און צוגעוואוינען זיך צו וואס מ'וועט זעהן וויאזוי גויי הארץ פירן זיך אויף.

## אשר בנינו כנטיעים מגודלים בנעוריהם

**דוד** המלך זאגט אשר בנינו כנטיעים מגודלים בנעוריהם (תהלים קמד-יב), אונזערע זין זענען אזוי ווי פלאנצונגען, מגודלים בנעוריהם, זיי ווערן אזוי ערצויגן פון די יוגענט. בנותינו, אונזערע טעכטער, כזוית, זענען אזוי ווי שטיינער וואס מ'לייגט ביי דעם ווינקל פונעם שטוב, ס'איז די שענסטע שטיינער, די גראדסטע שטיינער לייגט מען ביים ווינקל, מחוטבות, זיי זענען אויסגעשניצט, תבנית היכל, ווי שטיינער וואס מ'קען בויען דערמיט א היכל.

**וואס** עס קען זיין דער פשט פון דעם לגבי ווי מיר האלטן יעצט. א בית חינוך וויא מען לערנט, און צוזאמען מיט די חינוך וואס מ'האט באקומען ביי די עלטערן, זיי טוען אויסשניצן, אויספארמען, א בת ישראל, אז זי זאל קענען אויפשטעלן שפעטער א היכל ה'. איש ואשה שזכו שכינה שרויה ביניהם (סוטה יז.), אין א אידישע שטוב איז דא השראת השכינה. זייער שטוב איז א היכל ה'. בנותינו, אונזערע טעכטער ווערן ערצויגן, כזוית, אזוווי שטיינער וואס מ'לייגט אין א ווינקל, תבנית היכל, וואס פון זיי וועט מען קענען בויען א היכל. זייער פליכט איז, אויפצושטעלן יעצט א היכל פארין אייבערשטן. א שטוב פון תורה און קדושה וואס דער רבוש"ע וועט רוהן דארט אין די שטוב.

**און** מ'פארשטייט פון זיך אליין, אז טאמער פעלט צניעות, עס פעלט אידלקייט, עס פעלט קדושה, קען מען נישט אויפשטעלן א שטוב ווי עס זאל זיין דארטן השראת השכינה.

## זהירות במקום העבודה (אפיסע"ס)

**אז** מ'דארף ארויסגיין ארבעטן און טרעפן א פלאץ ווי מ'זאל קענען טוען די ארבעט, דארף מען אסאך זיך אינטרעסירן פאר דעם, און משתדל זיין אז

מען זאל זיין אין א סביבה פון ערליכע אידן יראים ושלמים. דער בעל הבית זאל זיין א ירא שמים א ערליכער. מיט וועם מען ארבעט צוזאמען זאלן זיין אידישע טעכטער וואס זענען ערליך, דעמאלטס קען מען זיך האלטן. ווייל א מענטש ווערט מושפע פון די סביבה. אז די סביבה איז א גוטע סביבה, האלט מען זיך. אז די סביבה איז א שוואכע סביבה, קען מען פארפאלן ווערן.

**מען** דארף זיך פאַרנעמען, נישט צו גיין ארבעטן אויף אזא פלאץ ווי עס געפונט זיך א אינטערנעט אָן א פילטער, דאס פירט אראפ פון אידישן וועג, אפילו מען שפירט עס נישט תיכף וועט מען עס שפירן שפעטער. אסאך טראכטן, אז מיר וועט עס נישט שאטן, איך פיל אז איך קען אננעמען א פלאץ צו ארבעטן דארט ווי מען באצאלט גוט, און ס'איז מיר נישט שווער אז איך זאל עומד זיין בנסיון. — אסאך האבן אזוי געזאגט, און ליידער זייער אסאך זענען אפגעבריט געווארן ווען זיי האבן געזאגט אז פאר זיי וועט עס נישט שאדן, און צום סוף האבן זיי חרוב געמאכט זיך און זייערע שטובער שפעטער.

**מאמעס** וואס פלאגן זיך אלע זייערע יארן מגדל צו זיין קינדער, און מען האט ב"ה ערצויגן קינדער לשם ולתפארת, יעצט, אין די יאר, צוויי, קען מען חרוב מאכן א קינד איינגאנצען אלעם וואס מ'האט קונה געווען ביז יעצט. אויף ענק ליגט דער פליכט, עטץ זאלטס נישט חרוב מאכן מיט ענקערע הענט די פלאג וואס מ'האט אריינגעלייגט. נישט זיין צופרידן מיט דעם וואס מ'זאגט אז דער פלאץ איז א ערליך פלאץ און מ'קען גיין דארטן ארבעטן. מ'דארף גיין אליין זיך אומקוקן צי עס איז טאקע אזוי, און נישט שפעטער חרטה האבן אויף א זאך וואס מ'וועט שוין נישט קענען מתקן זיין.

**ווען** ס'קומט אויס, מ'איז אין די ארבעט, דארף מען זיך היטן מיט די גרעסטע הרחקות וואס מ'קען זיך היטן. אז מ'שפירט אז ס'הייבט זיך אן א קירבות, א נאנטקייט, פונעם בעה"ב, צי פון איינע פון די ארבייטערס, אמאל איז דאס מיט א הלצה, אמאל איז דאס מיט א ווארט, אמאל איז דאס א טעקסט וואס מ'שיקט אריין, אמאל אויפן קאמפיוטער — דארף מען תיכף מודיע זיין פאר די

עלטערן וואס ס'האט פאסירט, און זוכן אן עצה וואס מ'דארף טוען ווייטער... ווייל מ'איז אין א מקום פון א נסיון, אין א מקום פון א נסיון דארף זיך א מענטש זייער היטן.

---

**מצוה המיוחדת לנשים - מדת הצניעות**

---

**במשך** די יארן וואס מען געפינט זיך אין א בית חינוך, האט מען אסאך געהערט דברי הדרכה אויף עניני צניעות, וויאזוי מען דארף זיך פירן, אבער יעצט הייבן זיך אָן די נסיונות דערין אין אסאך א גרעסערן פארנעם וואס ס'איז געווען ביז יעצט. און מ'דארף אויף זיך נעמען, מקבל זיין, זיך נישט אוועקרירן פון וואס מיר האבן געלערנט, פון וואס מיר זענען געווען צוגעוואוינט ביז יעצט זיך צו פירן. אנהאלטן דאס אויף ווייטער און שפעטער.

**ס'איז** דא מצוות וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר אלע אידן, אנשים ונשים, יעדער איז מחויב אין די מצוה. ס'איז דא מצוות וואס זענען מיוחד נאר פאר מענער אליין, למשל, לימוד התורה, אדער א מצוה וואס איז תלוי בזמן, איז נאר פאר מענער געגעבן געווארן. ס'איז דא מצוות וואס זענען מיוחד דוקא פאר נשים, ס'שטייט אין די משנה (שבת לא:), דריי עבירות זענען דא וואס נשים מתות בשעת לידתן, נדה, חלה, הדלקת הנר. א מאן איז אויך מחויב אין די מצוות פון חלה און הדלקת הנר, אבער בדרך כלל איז עס ארויפגעלייגט געווארן אויף די נשים. איין מצוה איז דא וואס איז געגעבן געווארן דוקא פאר זיי, די מצוה פון 'צניעות'. 'צניעות' איז טייטש נישט זיין אויפפאלענד, נישט בולט זיין. דאס איז כולל אין זיך יעדע זאך. די לבוש וויאזוי מ'גייט אנגעטוען, די דיבור וויאזוי מ'רעדט, אפילו די גיין פון דעם מענטש, וויאזוי מ'טוט זיך באשיינען דעם גוף, ביי די אלע זאכן איז דא א מצוה מיוחדת וואס איז געגעבן געווארן פאר נשים צו זיין צנועים.

**עס** שטייט אין מדרש (ב"ר יח-ב), בשעת דער אייבערשטער האט באשאפן חוה, האט ער איר באשאפן פון א צלע, פון א ריפ, וואס ער האט גענומען פון אדם הראשון. זאגט דער מדרש, דער פסוק זאגט ויבן ה' אלקים את הצלע

(בראשית ב-כב), ער האט אויפגעבויט, דרשנ'ט דער מדרש ויבן איז טייטש לשון התבוננות, בעפאר דער אייבערשטער האט איר באשאפן האט ער זיך מתבונן געווען פון ווי זאל איך נעמען, פון וועלכן אבר פון אדם הראשון זאל איך נעמען איר צו באשאפן. האט דער אייבערשטער געזאגט, איך גיי איר נישט באשאפן פונעם קאפ פון אדם הראשון, ווייל זי וועט נאכדעם זיין שטאלץ און גרויס ביי זיך, ס'וועט זיין רוחה גסה. איך וועל איר נישט באשאפן פון די אויגן פון אדם הראשון, ווייל זי זאל נישט זיין קיין נייגעריגע צו קוקן אלעס. איך וועל איר נישט באשאפן פון די אויערן פון אדם הראשון, אז זי זאל נישט וועלן אלעס הערן. איך וועל איר נישט באשאפן פונעם מויל, אז זי זאל נישט זיין קיין דברנית. איך וועל איר נישט באשאפן פונעם הארץ פון אדם הראשון, אז זי זאל נישט האבן קיין קנאה געפילן. איך וועל איר נישט באשאפן פון די פיס, אז זי זאל נישט זיין א יצאנית, אסאך ארויסגיין. איך וועל איר באשאפן פון די אבר צנוע וואס איז דא ביי אדם הראשון, א צלע א רופ וואס איז באהאלטן אינעווייניג אינעם מענטש, פון דעם האט דער אייבערשטער איר באשאפן. ועל כל אבר ואבר שהיה בורא בה, יעדען אבר וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אין חוהין, היה אומר לה, האט ער געזאגט, תהא אשה צנועה, אויף יעדן אבר האט דער אייבערשטער געבעטן אז מען זאל זיין דערמיט צנועה — דאס איז אונזער פליכט! דאס איז די איינציגע מצוה וואס מ'האט געגעבן פאר אונז, די מדה פון צניעות!

**ס'איז** דא אסאך נשים צדקניות וואס טוען מצוות, זיי זענען מדקדק מקיים זיין מצות עשה שהזמן גרמא, זיי גייען הערן שופר בלאזן, זיצן אין די סוכה, שאקלין לולב. זיי זענען עוסק אין עסקנות, טוען חסד פאר אנדערע. אבער אין די מצוה וואס איז מיוחד פאר זיי, זענען זיך אסאך מתרשל. די גדרי הצניעות איז נישט ווי ס'דארף צו זיין. און דער טעם דערפון איז, ווייל וויבאלד ביי די מצוה איז נישטא קיין אנדערער וואס זאל עס קענען מקיים זיין, נאר זיי, טוט דער יצר הרע אנרייצן אז מ'זאל נישט צו לייגן קיין הארץ אויף די מצוה. דאס איז אונזער פליכט, מיט דעם זענען מיר נתחנך געווארן אין אונזער בית חינוך, וויסן וויאזוי מ'דארף זיך צו פירן בצניעות.

**די**ווארט צניעות מיינט באשיידן, נישט זיין בולט, נישט ארויסשטארן, נישט גיין אויף א וועג וואס עס ציט די אויג אויף איר, און דאס איז כולל אין יעדע הינזיכט. אינעם רעדן, אז מ'זאל נישט רעדן הויך ווען מען איז צווישן מענער. זיך נישט דרייען צווישן מענער. אפילו גיין מיט טריט וואס ציט די אויג פונעם מענטש טאר מען נישט אזוי גיין. די גמרא פארציילט (עבודה זרה יז.) אז רבי חנינא בן תרדיון, א תנא א אדם גדול, האט געהאט א טאכטער וואס דער מלכות האט גוזר געווען אויף איר אז זי זאל זיצן אין א אום-ריין פלאץ. די גמרא זאגט אז די טעם פארוואס זי איז נענש געווארן אזוי, איז געווען, ווייל אמאל איז זי געגאנגען אקעגן גדולי רומי, גרויסע הערן פון רומי, ווען זי איז אדורכגעגאנגען און מ'האט געזאגט אויף איר, קוקטס ווי שיין די טריטן זענען פון דאס מיידל, האט זי אנגעהויבן צו גיין נאך שענער ווי זי איז געגאנגען ביז יעצט, אויף דעם איז זי נענש געווארן. און זי האט מצדיק געווען דעם דין אויף זיך, אז דער אייבערשטער איז עיניו פקוחות על כל דרכי בני אדם, אפילו אויף טריטן פון דעם מענטש אויך.

---

### צניעות במלבושים

---

**איז** יעדע זאך וויאזוי מ'פירט זיך דארף עס זיין מיט א צניעות, אבער דער עיקר קומט עס ארויס ביים קליידונג, ווען מען גייט ארויס אויף די גאס. יעדער בגד וואס ווען מ'טוט עס אן ציט עס דעם אויג אז מ'זאל עס זעהן, איז א בגד פון פריצות, און מ'טארנישט גיין דערמיט. אמאל איז דאס די קאליר וואס איז רעשייג. אמאל איז די וועג וויאזוי מ'טוט עס אן. נישט קיין נפקא מינא וואס די סיבה דערפון איז, איז עס נישט קיין בגד פון צניעות. מ'קען אמאל גיין אנגעטוען מיט צניעות פון קאפ ביז פיס, אבער דעם היטל אדער טיכל גייט מען אנגעטוען אויף אזא וועג וואס ס'ציט די אויג פון א מענטש, פעלט אין צניעות, איז מען נישט געגאנגען בצניעות. אז מ'האט אָן שיך וואס האבן א רעשייגן קאליר, אבער ס'גייט ארויס פון די נארמאלע וועג וויאזוי מענטשן גייען, איז עס נישט קיין צניעות.

**און** כל שכן ווען מ'גייט מיט א בגד וואס איז ענג (טייט) איז עס א בגד של פריצות. צי מ'גייט צו קורץ, צי ס'איז דורכזיכטיג, די אלע זאכן זענען היפוך פון צניעות.

**דער** אייבערשטער האט ארייגעלייגט אין טבע פון נשים דאס זיי ווילן געפעלן, און ווען מען גייט ארויס אויף דער גאס וויל מען נאכמער געפעלן, ווען מ'איז ביי די ארבעט וויל מען נאכמער געפעלן — אבער נישט אויפן חשבון פון די תורה. צניעות, דאס דארף זיין איינגעבאקן אינעם מענטש, זיך נישט טוישן קיין שום זאך אין קליידונג, פון וואס מ'איז נתחנך געווארן ווען מ'איז געווען אינעם בית חינוך.

## להזהר בצניעות בגדי כלה ביום חופתה

**ס'קומט** אסאך מאל אויס צו זיין ביי חופות, כלות האבן חתונה און מ'שטעלט אויף א נייע שטוב, אסאך מאל איז די ערמיל נישט געהעריג לאנג, נישט געהעריג צוגעדעקט. אין א טאג וואס מ'בעט אזויפיל, מען איז מתפלל פארן אייבערשטן, מ'פאסט, מ'וויל אויפשטעלן א נייע שטוב פון ערליכקייט און פון צניעות, הייבט מען אָן תיכף דאס לעבן ווען מען ווערט א אשת איש, און מ'גייט נישט געהעריג געקליידעט. מ'איז נישט משים על הלב וואס מ'טוט. אונזער 'ישטאלץ' דארף זיין אז מ'גייט אנגעטאן מיט צניעות.

## שיהא שם שמים מתאהב על ידך

**עס** שטייט אין די גמרא (יומא פו.) ואהבת את ה' אלקיך, מ'זאל ליב האבן דעם אייבערשטן, בכל לבבך, מיט דיין גאנצן הארץ, זאגט די גמרא שיהיה שם שמים מתאהב על ידך, ס'איז נישט גענוג וואס אין הארץ האסטו ליב דעם אייבערשטן, דו דארפסט זיך אזוי פירן און גיין אויף די גאס, אז ס'זאל באליבט ווערן דער נאמען פון אייבערשטן דורך דיר. מענער האבן זייער וועג זאגט די גמרא וויאזוי ס'ווערט שם שמים באליבט דורך זיי. ווען ס'איז נוגע צו אידישע טעכטער, ווען זיי גייען אנגעטאן צניעות'דיג, איידל, מ'פירט זיך מיט א הנהגה פון קדושה, זענען זיי מקדש שם שמים ברבים. וויא זיי גייען, טוען זיי ארייינברענגען אהבת ה' ליבשאפט צום אייבערשטן. מ'דארף נישט רעדן מ'דארף גאר נישט טוען, מ'דארף נישט קיין שום פעולה, די עצם מהות וויאזוי מ'גייט געקליידעט ערליך און הייליג, רופט אויס און עס זאגט: ווי הייליג זענען אידן... ווי גליקלעך זענען זיי, גליקלעך זענען זייערע עלטערן, ראו פלוני, זאגט די

גמרא, כמה יפים דרכיו, מענטשן זאגן, קוקטס דעם, ווי שיין זענען זיינע וועגן, וכמה מתוקנים מעשיו, ווי שיין און פארראכטן זענען זיינע מעשים. זיי זענען מזכה את הרבים אָן א שיעור, ס'האט נישט קיין עק זייער שכר. קידוש שם שמים מיינט נישט נאר זיך הרגי'נען פארן אייבערשטן, קידוש שם שמים מיינט לעבן אויף אזא וועג וואס מען איז מקדש דעם אייבערשטנ'ס נאמען.

**כלל** ישראל איז הייליג, מ'האט אונז געלערנט צו גיין אין די וועגן פון תורה און מסורה, עטץ זענטס אלע דערביי דאס ממשיך צו זיין ווייטער, איך וויל עס נאר מחזק זיין, נישט איבערלאזן די וועגן פון אונזערע הייליגע מאמעס, שרה רבקה רחל ולאה. אידישע טעכטער זענען ממשיך די מסורת צו גיין על דרך ישראל סבא, אויף דעם אלטן אויסגעטרעטענעם וועג. אין אזא תקופה ווי מיר לעבן היינט, וואס די פריצות איז אזוי גרוים אויף דער גאס, נאר מיר טראגן דעם פאָן פון צניעות מיט א שטאלץ, און די אלע וואס טוען זיך צושטעלן דערצו, האט נישט קיין שיעור זייער שכר וואס זיי וועלן באקומען אויף די וועלט און אויף יענע וועלט. עס זאל נישט קליין זיין אונזער ווערד אין אונזערע אויגן, ויגבה לבו בדרכי ה', מיר דארפן זיין שטאלץ אין דעם וועג וויאזוי מיר גייען. מיט יעדען טריט וואס מען גייט ערליך אויף דער גאס, איז מען מקדש שם שמים, און מ'הייבט אויף דעם סטאנדארט פון צניעות פון די גאנצע שטאט. און ח"ו פארקערט אויך, אז מ'גייט נישט געהעריג בצניעות, טוט מען אראפלאזן, אראפנידערן, דער רוח פון צניעות פון די גאנצע שטאט. נישט נאר פאר זיך אליין טוט מען אן עולה, מ'טוט א עולה פארן גאנצן ציבור.

## ימכור אדם כל מה שיש לו וישיא בתו לתלמיד חכם

**מ'גייט** יעצט ארוים פונעם בית חינוך, מ'האלט נאנט צו שידוכים, ס'קומט באלד די צייט. חז"ל זאגן (פסחים מט.) לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו, א מענטש זאל פארקויפן אלעם וואס ער האט, וישא בת תלמיד חכם, ער זאל נעמען א טאכטער פון א תלמיד חכם, וישיא בתו לתלמיד חכם, ווען ער מאכט חתונה א טאכטער, זאל ער נעמען א תלמיד חכם פאר אן איידעם. עס שטייט פון חזון איש, ער האט געזאגט, אז די מעלה פון א בת תלמיד חכם איז, ווייל זי

ווערט נתגדל אין אן אויר פון תורה, ביי א ת"ח אין שטוב איז די לופט תורהידיג, און ווען זי ווערט נתחנך אין אזא שטוב, טוט זי אריינגעמען אין זיך אן אויר פון תורה. האט דער הייליגער חזון איש געזאגט, היינט וואס מ'ווערט נתחנך אין ערליכע בתי חינוך, איז יעדע אידישע טאכטער וואס גייט אין אן ערליכן בית חינוך, האט די מעלה פון א בת ת"ח. אלע וואס זענען פארזאמלט דא, האבן אין זיך די מעלה פון א בת ת"ח. פון איר זייט דארף זי זעהן יעצט צו נעמען א בחור א ת"ח, א בן תורה, אויפשטעלן א תורהידיגע שטוב.

**מען** דארף אבער וויסן, אז ס'איז דא זייער ווייניג תלמידי חכמים, ס'איז א יקר המציאות. ווייל א ת"ח איז נישט גענוג וואס ער לערנט תורה ער זאל ווערן אנגערופן א תלמיד חכם, ס'דארף זיין ראשית חכמה יראת ה', האבן אין זיך ערליכקייט. צו זיין א אמת'דיגער ירא שמים, דאס איז די חשיבות פון א ת"ח. היינט זענען די נסיונות זייער גרויס, און ס'וואקסן אויף היינט ווייניג בחורים וואס זענען אמת'דיג ערליך, יראי חטא. ענדערש זאל מען נעמען איינעם וואס קען אביסל ווייניגער לערנען, מוותר זיין אויף א פאר בלאט גמרא, אבער נעמען א בחור א בעל מידות און א ירא ה', און אויפשטעלן צוזאמען א שטוב.

## גודל התענוג לבנות בית מלא בתורה ויראת שמים

**מ'זאל** געדענקען, ס'איז נישטא קיין גרעסערע תענוג אויף די וועלט, ווי אויפצובויען א שטוב פון תורה און יראת שמים. אין אזא שטוב ווי ס'איז דא ערליכקייט, ס'איז דא תורה, איז דאס ווייב אין שטוב ווי א מלכה, ווי א קעניגן, נאר ביי אונז איז דא מכבדו יותר מגופו. מכבד זיין א ווייב מער ווי זיך אליין, וועט מען נאר טרעפן ביי בני תורה. דער תענוג פון א שטוב פון תורה, אז מ'קען זיצן צוזאמען, שבתים און ימים טובים, מיט קינדער תלמידי חכמים, איז נישטא קיין גרעסערן תענוג פון דעם. א שטוב וואס ס'זאל זיין שמחת החיים, א לעבעדיגקייט, א פרייליכקייט, א רוהיגקייט, ווער מען נאר געפינען אין א שטוב פון תורה. ס'איז נישטא קיין שום זאך וואס קען דאס ערזעצן, נישט קיין געלט, נישט קיין כבוד, און נישט קיין יחוס, קען משלים זיין דאס וואס א ת"ח ברענגט אריין אינעם שטוב.

**און** אויף דעם זאגט די גמרא, לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו, א מענטש זאל פארקויפן אלעס וואס ער האט כדי חתונה צו מאכן צו א תלמיד חכם. ביי יעדע מצוה אין די תורה איז א מענטש נישט מחויב אוועקצוגעבן די גאנצע געלט דערפאר, נאר ביז א חומש פון זיין געלט. אז ער דארף א אתרוג איז ער נישט מחויב אוועקצוגעבן זיין גאנצע געלט דערפאר. אבער אויף א שידוך פון א בן תורה זאגט די גמרא ימכור כל אשר לו, געב אוועק אלעס וואס דו האסט דו זאלסט צוקומען צו טרעפן א שידוך פון א בן תורה. ווייל א שידוך פון א בן תורה איז נישט א איינמאליגע מצוה ווי מ׳ישאקלט א אתרוג, נאר דאס באגלייט דאס גאנצע לעבן שפעטער. די אידישקייט וואס ס׳וועט זיין אין די שטוב איז תלוי איןביידע צוזאמען, זי האט דעם דין פון א בת ת״ח און ער איז א ת״ח, ווערט עס א תורה׳דיגע שטוב, וואס פאר דעם דארף מען אוועקגעבן אלעס וואס מען פארמאגט אז מ׳זאל צו קומען דערצו.

## להתרחק משידוך אם המדובר מסתובב עם סמארט-פאון האסור

**אז** מען הערט אויף א בחור אז ער דרייט זיך ארום מיט א סמארט-פאון וואס איז נישט כשר, זאל מען וויסן אז דאס איז נישט קיין שידוך פאר ענק. ער איז שוין נפגם געווארן אינעווייניג, און אפילו מ׳דערקענט עס נישט אינדרויסן, ס׳וועט זיך דערקענען שפעטער. ער האט שוין אנגעהויבן זיך צו דערווייטערן פון זיין זיווג נאך בעפאר ס׳איז געבוירן געווארן זיין זיווג. ארומדרייען זיך מיט א סמארט-פאון, סיי ביי מענער און סיי ביי פרויען, טוט קאליע מאכן. ווילענדיג און אומ-ווילענדיג, אפילו מ׳וויל זיין ערליך, ס׳העלפט נישט.

## בעונת השידוכים לברור אם הוא נכנע לדעת תורה

**יעדע** אידישע טאכטער דארף האבן א מורה דרך, א רב, צו פון די קהלה ווי זי באלאנגט אדער א צווייטן, און זיך מכניע זיין צו א דעת תורה אין אלע ענינים פון אידישקייט, אויף אלעס וואס קומט אויף שפעטער אין שטוב דארף מען מקבל זיין דעת תורה. אפילו ווען מען פארשטייט עס נישט אליין מיטן שכל, דארף מען וויסן אז מען דארף פאלגן. אז מ׳הערט א זאך פון א רב, איר רב אוודאי, דארף מען עס מקיים זיין אָן קיין שום פשרות. אָן א מורה

דרך, און הכנעה פאר א דעת תורה, קען מען נישט אויפשטעלן קיין ערליכע שטוב.

**די** זעלבע איז, ווען עס קומט צו א שידוך, זאל מען מברר זיין צו דער בחור האט א מורה דרך צו וועם ער איז זיך מכניע, פון וועם ער פרעגט אויב ער האט עפעס א שאלה. ווען ס'וועט זיך מאכן א פראבלעם אינעם שטוב ווער וועט עס מכריע זיין, ווער וועט עס פותר זיין. אז ס'איז נישטא קיין מורה דרך, ווער קען העלפן נאכדעם אז עס מאכט זיך א פראבלעם אין שטוב. ווען מ'ווייסט אבער אז ער איז נכנע אונטער א דעת תורה, איז מען אייביג א געהאלפענע, ביי יעדע זאך וואס ס'מאכט זיך איז דא וועמען מ'וועט פרעגן, און ס'איז דא וועם ער וועט פאלגן, קען מען פירן נאכדעם אן ערליכע אידישע שטוב בעזה"י.

---

## השקפת הבית תלוי בהאשה

---

**ווען** דער אייבערשטער האט באשאפן חוה, האט ער געזאגט אעשה לו עזר כנגדו (בראשית ב-יח), איך גיי באשאפן פאר אדם הראשון א עזר. זכה זאגט די גמרא נעשית לו עזר, אז מ'איז זוכה ווערט דאס ווייב אן עזר פארן מאן, אויף איך ליגט צו זיין א הילף. ארויפצוברענגען די ליכטיגקייט פון תורה אין שטוב ליגט אויף ענק. אז מ'איז זוכה צו טוען א גוטן שידוך, אן ערליכן שידוך, ליגט ביי ענק אין די הענט אז מ'זאל דאס נישט צעברעכן שפעטער, מ'זאל נישט פארדארבן און אראפברענגען די סטאנדארט פון ערליכקייט וואס איז געווען פאר דעם.

**א** אידישע מאמע גיט דעם טאָן אין דעם שטוב. זי געט אריין די השקפה אינעם שטוב, די ווארימקייט, אהבת תורה, אסאך און אסאך מער וויפיל א טאטע, ווייל א טאטע איז ווייניג אינדערהיים, א מאמע גיט זיך אָפּ מיט די קינדער, אלעם איז תלוי אין אירע הענט.

**מ'דארף** וויסן אז דער יצה"ר הייבט אן אלץ מיט קליינגקייטן, נאכצולאזן א קלייניקייט, היום אומר לו עשה כך ולמחר אומר לו עשה כך (שבת

קה:), היינט הייבט ער אן מיט עפעס, מארגן גייט ער מער, און אזוי איז דער וועג פונעם יצה"ר. ווען מ'הייבט אָן נאכצולאזן פון וואס מ'האט געזעהן ביי עלטערן, דארט איז די התחלה דער אנהייב פונעם חורבן.

## אל תטוש תורת אמך

**מ'ווייסט**, דער צודעק אויפן קאפ וויאזוי מ'גייט, איז דא אסאך ערליי וועגן, ס'איז דא וואס גייען מיט א שייטל, ס'איז דא מיט א טיכל דערויף, א האלבע שייטל, א הוט, יעדע שטוב לויט איר מנהג וויאזוי מ'פירט זיך. אבער א טאכטער זאל אוועקגיין פון וואס זי האט געזעהן ביי די מאמען, גיין שוואכער ווי א מאמע איז אנגעטועז, אויף דעם איז נישטא קיין שום היתר! ס'איז דא א חיוב מדברי קבלה, שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך, מ'טאר נישט איבערלאזן א תורה וואס מ'האט געזעהן ביי די מאמען. מען האט נישט קיין רעכט משנה זיין, קיין איינע פון די מנהגים וואס זי האט געזעהן ביי אירע עלטערן טאר מען נישט טוישן.

**און** דאס איז נוגע צו יעדע זאך פון אידישקייט. ווייל ביי אונז איז א תורה שלימה די מנהגים וואס אונזערע עלטערן האבן זיך געפירט. אוועקצוגיין פון א וועג וויאזוי מ'איז געגאנגען, דאס איז די התחלה פון די ירידה. מ'מיינט אז ס'איז נאר א קלייניגקייט, היינט איז עס א קלייניגקייט, מארגן וועט צוקומען נאך עפעס, ס'וועט נישט האבן קיין שיעור. די איינציגע צוים אז מ'זאל זיך קענען האלטן, אז מ'רוקט זיך נישט אוועק פון די וועגן פון די עלטערן.

**איך** בין געוואוינט צו זאגן פאר חתנים פאר די חתונה [ווען זיי בעטן אן הדרכה], דארפסט זיך נישט קיין סך פאַרנעמען, איין זאך, נעם דיר פאַר אז דו וועסט נישט משנה זיין קיין שום דבר טוב וואס דו האסט געזעהן ביי דיינע עלטערן, אפילו א מנהג קל זאלסטו נישט טוישן. דיין לבוש, און קיין שום קלייניגקייט אנדערש ווי די עלטערן האבן דיך מחנך געווען. ווען דו ברענגסט אריין א כלי אינעם שטוב אריין, טעכנעלאגיע וואס עס איז די פראבלעם פונעם היינטיגן דור. רוק דיך נישט אָפּ פון וואס דו האסט געזעהן ביי דיינע עלטערן,

דעמאלטס וועסטו קענען זיין געזיכערט אז דו וועסט קענען אויפשטעלן א שיינע אידישע שטוב.

**אוודאי** מעג מען מוסיף זיין, דאס מיינט נישט אז ווייל די עלטערן טוען אמאל א זאך וואס ס'איז נישט ריכטיג, אז מ'דארף עס נאכטוען, א מענטש דארף מוסיף זיין גדרים וסייגים ודברים טובים אפילו ער האט נישט געזעהן ביי די עלטערן. מ'רעדט אבער 'אראפצוגייך' פון דעם וואס מ'האט געזעהן ביי עלטערן, וואס זיי האבן יא געטוען, און דאס נאכלאזן און מזלזל זיין, און איבערלאזן פון די גוטע זאכן וואס מ'האט געזעהן ביי די עלטערן, אויף דעם טאר מען נישט נאכלאזן.

**און** די זעלבע איז ביי יעדע זאך פון צניעות, וואס מ'האט געזעהן ביי טאטע מאמע, און ווי אזוי אונזערע באבעס זענען געגאנגען, און יעדער קען נאכקוקן, מ'האט דאך היינט בילדער פון אונזערע באבעס און עלטער באבעס וויאזוי זיי זענען געגאנגען געקליידעט, אל תטוש תורת אמך, לאז נישט איבער די תורה וואס דו האסט געלערנט ביי דיין מאמע, ווייל די תורת אמך, אז מ'וועט זיך פון דארט אוועקרוקן, ווייסט מען נישט ווי מ'וועט אנקומען שפעטער.

---

**צניעות כיסוי הראש** (שייטלע"ך)

---

**ביז** ווילאנג מיר זענען געווען אין א בית חינוך, האט מען געוויסט אז מ'איז נישט געגאנגען מיט קיין לאנגע האר, יעדער האט פארשטאנען אז ס'איז די גדרי הצניעות אז מ'גייט נישט מיט לאנגע האר, מ'איז געגאנגען צוזאמגענומען די האר. ס'איז געווארן א פירצה, מ'האט חתונה — וואס ס'דארף צו זיין אסאך הארבער ווי ביז יעצט, מען ווערט שוין אן אשת איש — הייבט מען אן נאכצולאזן, און מיט די שייטלעך גייט מען מיט א וועג פון פריצות וואס מ'איז נישט געגאנגען דערמיט אלץ מיידל פארדעם. מ'גייט נישט געהעריג צוגעדעקט דעם קאפ, מ'גייט מיט א לאנג שייטל.

**ווען** ס'איז ארויסגעקומען די לאנגע שייטלעך, האבן אלע גדולי ישראל, אלע אָן אַ אויסנאם, סיי פון די חסידים און סיי פון די ליטווישע, סיי אין חוץ לארץ

און סיי אין ארץ ישראל, איז געווען געדרוקט קול קורא'ס אז מ'טארנישט גיין מיט קיין לאנג שייטל. פארוואס אלץ מיידל האט מען פארשטאנען אז מ'קען נישט גיין מיט לאנגע האר, ס'איז געווען א זעלבסט פארשטענדליכע זאך, און פארוואס פארשטייט מען נישט אז ווען מ'האט חתונה און מ'דארף זיך מער היטן, דעמאלטס גייט מען מיט א לאנג שייטל, אדער צוגיין מיט א צעפלאסן שייטל וואס ס'שאקלט זיך בשעת מ'גייט, אדער עס איז אויף א אויפפאלענדען וועג וויאזוי מ'גייט אנגעטוען, אויף די אלע זאכן איז נישטא קיין היתר אז מ'זאל קענען גיין.

## זהירות בצביעת הפנים והעיניים

**שמירן** זיך די פנים, די אויגן, מיט א פארב וואס איז בולט, און ס'איז רעשייג, מ'קען נאכקוקן א פסוק אין ישעיה, וואס דער נביא זאגט אין נאמען פונעם אייבערשטן (קאפיי ג'), ער רעכנט אויס אלע שטראפן וואס דער אייבערשטער וועט ברענגען אויף בנות ישראל, זאגט ער די סיבות פארוואס דער אייבערשטער וועט דאס ברענגען, ויאמר ה' יען כי גבהו בנות ציון, ווייל די בנות ציון גייען מיט א שטאלצקייט, ותלכנה נטויות גרון, זיי גייען אויסגעצויגן די האלדז, ומשקרות עינים, זאגט רש"י אויפן פלאץ, משקרות איז דער טייטש זיי טוען זיך פארבן זייערע אויגן, אויף א וועג וואס ס'איז נישט קיין צניעות, זאגט דער פסוק אז אויף דעם וועלן קומען די עונשים וואס ס'איז אויסגערעכנט דארטן. זעהט מען אז צווישן אלע עניני פריצות האט דער אייבערשטער עקסטער אויסגערעכנט משקרות עינים וואס מ'פארבט זיך די אויגן.

**מיר** זענען א הייליג פאלק, מיר דארפן גיין ערליך, מיר דארפן גיין בצניעות, נישט טוען זאכן וואס ס'איז אויפפאלנד, דאס איז דער שורש פון צניעות צו זיין באשיידן, און נישט טוען א זאך וואס איז אויפפאלענד.

## כה תאמר לבית יעקב

**ס'איז** פאר מתן תורה. ביי מתן תורה האט דער אייבערשטער אנגעהויבן, כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל (שמות יט-ג), ער האט געזאגט פאר משה רבינו אז אזוי זאלסטו רעדן צו די בית יעקב און דו זאלסט זאגן פאר די בני

ישראל, רש״י טייטשט, בית יעקב אלו הנשים, בני ישראל דאס זענען די מענער. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, סיקען נישט זיין קיין קבלת התורה אז דו רעדסט נישט קודם צו די בית יעקב, אז דו רעדסט נישט צו די ווייבער אז זיי זאלן זיין גרייט מקבל זיין די תורה, איז נישטא וואס דו זאלסט רעדן לבני ישראל, אָן זייער הילף איז נישטא קיין מתן תורה. אָן זייער הילף קען מען נישט ממשיך זיין ווייטער און צוגיין צו מתן תורה. מתן תורה קען נאר זיין, א אידישע שטוב קען נאר זיין, מיט ערליכע אידישע מאמעס. אויב מען פירט זיך ערליך, די אידישע מאמע געט אכט אויפן שטוב, ווערן ערוואקסן די קינדער ערליך, אלס איז בידה, אלעס איז אין אירע הענט וויאזוי צו פירן די שטוב. אזוי שטייט אין מדרש, אז דער כח וואס א ווייב האט אין די שטוב איז מער ווי דעם מאקים כח, אויב זי איז ערליך קען זי איבערדרייען אפילו א רשע זאל ווערן ערליך, ווען זי איז נישט ערליך האט זי דעם כח צו נעמען א יונגערמאן א צדיק און אים איבער דרייען ער זאל ווערן אזויווי זי.

**זייער** כח האט דער אייבערשטער געגעבן אז זיי פירן די שטוב, און אז זיי פירן די שטוב זאגט דער רבוש״ע, מיקען נישט צוגיין צו מתן תורה נאר כה תאמר לבית יעקב, קודם זאלסטו רעדן צו זיי, אויב זיי וועלן זיין גרייט, דעמאלטס קען זיין ותגיד לבני ישראל, קען מען רעדן נאכדעם צו די בני ישראל.

**און** אז מיהאט למעשה מקבל געווען די תורה, איז א סימן אז ויענו קול אחד כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע, אלע האבן מיר געזאגט נעשה אלע האבן געזאגט נשמע, ׳נעשה׳ מיר זענען גרייט צו גיין אין די דרכי התורה, ׳ונשמע׳ און מיר וועלן שטענדיג הערן וואס חכמי ישראל וועלן אונז מסביר זיין און געבן צו פארשטיין וויאזוי מידארף זיך צו פירן, מיר וועלן אלץ גיין אין דעם וועג, און די זכות פון קבלת התורה שטייט אונז ביי.

---

## יופי כנסת ישראל בצניעותה

---

**מיר** זענען די שענסטע פון אלע אנדערע פעלקער, נישטא נאך אזא שיין פאלק ווי דער כלל ישראל, נישטא נאך אזא שיין פאלק ביי נשים מיט

אידלקייט און ערליכקייט ווי כלל ישראל, מיר זענען די שענסטע נישט נאר וואס אידן פארמאגן, נאר וואס די גאנצע וועלט פארמאגט, און דאס האט זיך גענומען נאר פון דעם ווייל מיר האבן זיך נישט אוועקגערוקט פון די וועגן פון אונזערע עלטערן, נאר ווייל וואס זיי האבן געטוען, וואס ביי זיי איז געווען הייליג, זענען מיר נאכגעגאנגען, אונז האבן מיר נישט געטוישט.

**און** דאס דארף זיין אונזער פליכט, מיטצונעמען מיט זיך ווען מ'גייט ארויס פונעם בית חינוך, נישט צו טוישן קיין שום זאך וואס מ'האט מיט אונז געלערנט די אלע יארן, מיטצונעמען די אידלקייט, די צניעות, וואס מ'האט זיך צוגעוואוינט אלע יארן ביז יעצט, און מיט דעם וועלן מיר ארויסגיין אויף די גאס, און מיט דעם וועלן מיר וויטער אויפשטעלן אונזערע שטיבער, מיט די זעלבע סארט מאס ערליכקייט וואס ס'איז געווען ביז יעצט.

## תפלה על חינוך הבנים, וביותר בהדלקת נרות שב"ק

**היינטיגע** צייטן דארף מען זייער אסאך בעטן און מתפלל זיין אויף זיך אליין, אויף די קינדער, מ'דארף מתפלל זיין טאג און נאכט, ווען מ'האט צייט, און א געלעגענהייט ווען דאס הארץ איז ריין פארן אייבערשטן, בעטן אויף די דורות, בעטן אויף זיך, אז מ'זאל נישט קאליע ווערן, בעטן אויף אונזערע קינדער אויף אונזערע אייניקלעך. די סכנה איז זייער גרויס, ס'פאלט יעדער שטיקער פון איבעראל פון אלע זייטן, פון די שענסטע אידישע שטיבער יעדער, פאלן אוועק קינדער. די סיבות דערפון איז דאך נישט קיין נפק"מ יעצט אריינצוגיין דערין, אבער ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם, ווען מ'דרייט זיך צווישן גוים לערנט מען זיך אָפּ פון זייערע מעשים, אומווילענדיג לערנט מען זיך אפ, און מיט די צייט ווערט אפגעקילט דאס אידישקייט, און ווען עס ווערט קאלט די אידישקייט האט מען אלעם פארלוירן.

**ווילאנג** מ'איז יונג, ווילאנג מ'ווערט נאך נתחנך אין ערליכע שטיבער, גייט מען ארום מיט א ווארימקייט צו אידישקייט, און דאס האלט אונז, אבער ווען מ'גייט ארויס אויף די גאס, ס'קילט זיך אפ צוביסלעך, יעדע וואך, יעדע חודש,

וואס מ'איז אינדרויסן, און מ'זעהט וויאזוי די אומות העולם פירן זיך, עס קילט זיך אפ, און ווען עס קילט זיך אפ ווייסט מען נישט שפעטער ווי מ'קומט אן.

**אונז** האבן מיר נאר איין כח, 'יתפלהי', מתפלל זיין, בעטן פונעם אייבערשטן. מ'צינדט ליכט לכבוד שבת קודש דארף מען פארגיסן טרערן, און בעטן אויף אונזערע קינדער, אויף אונזערע דורות, זיי זאלן זיך פירן ערליך, סיי די זין און סיי די טעכטער, אלע דארפין האבן אסאך סייעתא דשמיא אז מ'זאל קענען זיך פירן ווי ס'דארף צו זיין.

**מ'דארף** זיך אליין שטארקן, די אייגענע הנהגה, די הנהגה פון די קינדער, געדענקען דאס די איינציגע נחת וואס מיר האבן איז די קינדער, ס'איז נישטא קיין גרעסערע נחת פאר עלטערן ווי ווען מען זעהט ב"ה קינדער און אייניקלעך וואס פירן זיך על דרכי התורה.

## בנים טובים - נחת דקדושה בזה ובבא

**מיר** ווייסן אז די וועלט איז פארגענגליך, מ'לעבט נישט אייביג, ואין מלוין לו לאדם, ס'באגלייט נישט שפעטער, לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, מ'נעמט זיך גארנישט מיט, נישט די שיינע הייזער נישט די שיינע קליידער, נישט די שיינע בנינים מיט די פארמעגנס, פון דעם אלעם נעמט מען נישט מיט קיין שום זאך אויף יענע וועלט, אלעס לאזט מען דא איבער. איין זאך איז אבער דא וואס איז א נצחי, וואס בלייבט אויף שטענדיג, ערליכע קינדער! אז מ'לאזט איבער קינדער וואס זענען ערליך, אייניקלעך וואס זענען ערליך, דאס באגלייט שטענדיג אפילו בעולם הבא, וואס דעמאלטס קען מען שוין נישט מקיים זיין קיין מצוות ומעשים טובים, דעמאלטס קומט א וועלט וואס איז נאר א רוחניות'דיגע וועלט, א וועלט פון שכר און גן עדן, דעמאלטס אז מען איז זוכה מ'האט ערליכע קינדער, טוט עס ארויפברענגען קדושה און רוחניות אין עולם הבא אויכעט.

## גדרים וסייגים בחינוך הבנים והבנות

**מ'דארף** אכט געבן, מאכן גדרים וסייגים, אסך זאכען איז דא וואס פאר עלטערן שאדט עס נישט, מ'איז שוין אויף דער עלטער, מ'איז שוין

אויפגעבויט, און מ'מיינט אז פאר זיי שאדט עס נישט וועט עס פאר די קינדער אויך נישט שאדן. ס'איז נישט אזוי, אפילו ווען פאר די עלטערן וואלט עס נישט געשאדט, פאר קינדער וואס זענען נאך נישט אויפגעבויט, איז יעדע קלייניגקייט, יעדע זאך וואס טוט אוועקנעמען פון אידישקייט פון ערליכקייט, קען ביי זיי זייער אסאך ווירקן. זאכן וואס פאר אונז אליין וואלט נישט געשאדט, דארף מען מתרחק זיין. יעדע זאך וואס מ'ברענגט אריין אין שטוב, יעדע זאך וואס מ'נוצט, טראכטן וויאזוי וועט דאס מיין קינד אויפנעמען, וויאזוי וועט עס אויף אים ווירקן, אפילו פאר מיר קען עס אפשר זיין גוט. ווען מ'דארף ערגעץ גיין, מ'דארף ערגעץ פארן, מ'דארף מיטנעמען קינדער, טראכטן, וואס וועט זיין דער רושם וואס מיין קינד וועט זעהן, און מיט וואס מיין קינד וועט אהיים קומען, נאר אזוי קען מען מחנך זיין ערליכע אידישע דורות.

**אונזערע** מאמע האבן געהאט מסירת נפש אויף קדושת בית ישראל, מ'האט געהאט הייליגע שטיבער. מ'רעדט נישט פון אינדערהיים וואס ס'איז געווען גאר אויף א דערהויבענעם אופן, די וועלט איז נישט געווען געזינקען אזויווי היינט, איז אוודאי געווען זייער שיינע ערליכע שטיבער, נאר אפילו דא אין אמעריקא, נאכן דורכגיין אזא ביטערן קריג וואס מ'האט פארלוירן טאטע מאמע ברידער שוועסטער און מ'איז געבליבן אליין עלענד, איך רעד פון א דור פריער, פון דעסטוועגן דאך האט מען אנגעהויבן פון די אל"ף, זיך מחזק זיין, פרובירט נאכצוגיין אין די וועגן וואס מ'האט שוין נישט געהאט אפילו א סעמפל וואס מ'זאל קענען נאכגיין. נישט געווען וואס צו וויזן פאר די קינדער, מ'איז אליין געווען דער סעמפל וויאזוי מ'דארף זיך צו פירן. מיר דארפן די מסירת נפש פון אונזערע אבות ממשיך זיין אויף שפעטער אויך, און אזוי מגדל זיין אונזערע קינדער וויאזוי מ'זאל זיך פירן שפעטער.

## נסיון הדור – כלי הטעכנאלאגיע

**דער** נסיון פון דעם היינטיגן דור, ווי מ'האט דאך געהערט פריער, איז טעכנאלאגיע. ס'איז זייער שווער צו רעדן דערפון, מ'וועט מסתם הערן שפעטער מער בפרטיות, אבער וויפיל מ'הערט זיך צוזאם איז א טפה מן הים פון

וויפיל דער אמת איז דערפון. וויפיל שטיבער זענען שוין חרוב געווארן, וויפיל לעבעדיגע יתומים זענען דא וואס דרייען זיך ארום וואס זיי האבן פארלוירן זייער טאטע פארלוירן זייער מאמע. וויפיל שטיבער איז דא וואס מ'לעבט צוזאמען אבער ס'איז נישט קיין לעבן, מ'לעבט נישט אינאיינעם, ס'פעלט ווארימקייט ס'פעלט ערליכקייט. עס איז אן אנדערע וועלט געווארן זייט מ'האט אנגעהויבן צו נוצן די טעכנאלאגישע כלים. ווען מען איז אינדערהיים, איז מען אויך נישט אינדערהיים, דער קאפ איז נישט דארטן, מ'איז נאר אריינגעקומען ווייל מ'האט נישט קיין ברירה מ'דארף א שטוב.

**מען** דארף זעהן אפצוהיטן זיך ווי ווייט מעגליך, וואס ס'איז נישט וויכטיג זאל מען נישט האבן, ביי יעדע זאך טראכטן, איך וויל אויפשטעלן ערליכע דורות, איך וויל אויפשטעלן אן ערליכע אידישע שטיב, איך דארף מוותר זיין, ס'גייט נישט אנדערש, אן מסיי"נ קומט מען אין ערגעץ נישט אַן, מ'דארף מוותר זיין, אפילו ווען איך וויל, דעסטוועגן דאך טו איך עס באזייטיגן כדי אז מ'זאל זיך קענען פירן ערליך.

**מ'מיינט** אסאך מאל אז מ'קען זיך היטן. קינדער היינט זענען זייער קלוג, קלוגער פון אונז, זיי פארשטייען זייער גוט און זיי טוען שנעל אויפכאפן. מ'מיינט אז מ'האט א פעס-ווארט דערויף וכדומה, אז מ'קען נישט צוקומען דערצו. מיין קינד איז דאך א תמימות'דיג קינד. מיין קינד וועט נישט האבן קיין שייכות דערצו. וויפיל מ'הערט זיך צוזאם, איך זאג ענק מ'וואלט געקענט אפשרייבן א גאנצן בוך, א גאנצן ספר, פון וויפיל אונזערע אויערן האבן צוגעהערט וואס ס'האט פאסירט. וויפיל שטיבער זענען קאליע געגאנגען. שפעטער איז מען א צועק על לשעבר, מ'שרייט אויף א זאך וואס ס'איז שוין אדורכגעגאנגען.

**אונזער** פליכט איז, יעצט ביז ווילאנג מיר האבן נאך זיי אין אונזערע הענט, זיי זענען נאך ביי אונז אינדערהיים, זיי הייבן אַן יעצט ארויסצוגיין אין א נייע וועלט, מחזק זיין די קינדער, אכט געבן אויף זיי, נישט לאזן טוען א

זאך וואס מ'האט נישט געטוען ביז יעצט. נישט לאזן טוישן קיין שום זאך אינעם לבוש פון די קינדער פון וואס ס'איז געווען ביז יעצט. דאס וועט האלטן אז מ'זאל קענען זיך פירן ערליך.

**אייך** ווער ענדיגן מיט א ברכה. דער אייבערשטער זאל ענק בענטשן, מ'גייט ארויס אויף א נייעם וועג, ס'זאל זיין א דרך צלחה, מ'זאל קענען טרעפן דעם ריכטיגן פלאץ ווי מ'וועט זיך קענען אויפהאלטן ווען מ'גייט ארויס פון דעם בית חינוך, אין א סביבה פון ערליכקייט, גוטע שכינות ארום און ארום. ס'קומט די צייט וואס מ'דארף שליסן א שידוך, זאל דער אייבערשטער ענק געבן מ'זאל זוכה זיין צו טרעפן תלמידי חכמים ערליכע בחורים יראי שמים, צוזאמען אויפבויען א בית נאמן להי' ולתורתו, א שטוב וואס וועט זיין מלא ברכת ה', זרעא חייא וקיימא. בנותינו כזוית מחוטבות תבנית היכל, ווי מ'האט פריער גערעדט, אונז זאל מיר קענען אויפשטעלן תבנית היכל, אויסשניצן א שטוב וואס ס'זאל זיין דער פארעם פון א ביהמ"ק, וואס דארט איז געווען השראת השכינה, איש ואשה שזכו שכינה שרויה ביניהם. אין דעם זכות וואס מ'וועט זיך אנשטרענגען צו גיין בדרכי התורה, ווייסן מיר אז הבא לטהר מסייעין אותו, א מענטש וויל זיך פירן ערליך, טוט מען אים צוהעלפן אויבן פון הימל. וועט דער אייבערשטער העלפן אונז זאל קענען זעהן שמחות און נחת ביי אונזערע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, און מיר אלע אינאיינעם זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.